ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת בא

**פרשת בא**
**יו"ד שבט**

### בא (א)

די פרשה הויבט זיך אן מיט דעם אויבערשטענ'ס אנזאג צו משה רבינו "בא אל פרעה". גיי צו פרעה און זאג עם אז ער זאל ארויסלאזן די אידן פון מצרים. "בא" מיינט "קום"; "לך" מיינט "גיי". לכאורה וואלט בעסער געדארפט שטיין "לך אל פרעה", ניט "בא אל פרעה"?

אין זהר הקדוש פארענטפערט ער: פרעה איז געווען זייער א שטארקער קעניג, א מושל בכיפה (ער האט געוועלטיגט איבער אלע מדינות אין יענער צייט, איבער די גאנצע וועלט). משה רבינו האט מורא געהאט גיין צו עם און מאנען אז ער זאל ארויסלאזן די אידן.

דערפאר האט דער אויבערשטער עם געזאגט "בא אל פרעה". "קום" צו פרעה - איך גיי מיט דיר צוזאמען. דאס האט געגעבן משה רבינו דעם כח אז ער זאל ניט מורא האבן, נאר זיך שטעלן מיט א שטארקייט אנטקעגן פרעה און עם צוברעכן.

פון דעם האט מען א הוראה:

יעדער איד שטייט פאר פארשידענע ענינים פון גויישקייט וועלכע שטייען עם אין וועג פון זיין א שטארקער שטאלצער איד וואס שעמט זיך ניט מיט טאן דעם אויבערשטענ'ס ווילן. מיר דארפן געדיינקען אז מיר זיינען ניט אליין. דער אויבערשטער איז אין גלות מיט אונז צוזאמען. ער גייט מיט אונז און גיט אונז די שטארקייט אויף בייקומען אלע שוועריקייטן.

מיר דארפן זיין שטאלץ מיט אונזער אידישקייט, שטאלץ אז מיר זיינען חסידים.
(משיחת ש"פ וארא תשד"מ)

### בא (ב)

אין פרשת בא איז פאראן די מצוה פון אכילת מצה. דער חילוק פון חמץ ביז מצה איז: ביי חמץ הויבט זיך אויף די טייג, ביי מצה בלייבט די טייג ווי ער איז. חמץ מיינט אז מען האלט זיך גרויס. מצה מיינט אז ער האלט זיך קליין (ביטול).

מיט א משל פון מצות הצדקה, וועט מען פארשטיין דעם ענין אין אלע מצות.

בשעת א מענטש וואס האלט זיך גרויס זעט אן ארעמאן, טענה'ט ער די טענה וואס טורנוסרופוס האט געפרעגט ביי רבי עקיבא: אם אלקיכם אוהב עניים מדוע אינו מפרנסם (אויב אייער ג-ט האט ליב ארעמלייט, פארוואס שפייזט ער זיי ניט?)

מצד זיין גרויסהאלטן זיך, מאכט ער בא זיך א חשבון. דאס וואס ער פארמאגט, איז דאס ווייל עס *קומט* עם, און עס קומט עם נאכמער. איז ווי איז שייך אוועקגעבן דערפון? עס לייגט זיך אפ בא עם גאר געשמאק אז דער צווייטער איז ניט גלייך צו עם.

איז במילא זעלבסטפארשטענדליך, אז דאס וואס דער צווייטער איז אן ארעמאן, איז דאס ווייל דעם צווייטן קומט ניט. ובמילא - טראכט ער בא זיך - וויבאלד אז דער אויבערשטער וויל אז יענער זאל זיין אן עני, זאל ער עם געבן?!

דאקעגן, ווען ער האלט זיך קליין:

א. מאכט ער ביי זיך א חשבון און משפט זיך אליין, צי ער איז טאקע בעסער פאר'ן צווייטן. עס שטייט "משפט וצדקה ביעקב אתה עשית", אז דער *משפט* וואס ער מאכט אויף זיך ברענגט עם צו געבן צדקה.

ב. פארשטייט ער, אז אויב אפילו דאס וואס דער צווייטער האט ניט איז מצד אן עונש ר"ל, טראכט ער אז מען איז ביים אויבערשטן ווי קינדער. בעת דער מלך שטראפט אן אייגענעם קינד, און א פריינט פון מלך טוט דעם קינד א טובה, איז דער מלך אליין זייער צופרידן פון דעם - ווי רבי עקיבא האט געענטפערט טורנוסרופס'ן.

ווען איינער האלט זיך גרויס, זוכט ער אויף יעדער ניט-גוטע זאך וואס ער טוט א תירוץ. אפילו ווען ער קען ניט געפינען קיין תירוץ, פונדעסטוועגן, "על כל פשעים תכסה אהבה". ער האט ניט קיין פארענטפער. ער ווייסט אליין אז ער האט געטאן שלעכט. פונדעסטוועגן, פארדעקט ער דאס מיט ליבשאפט צו זיך אליין. דאקעגן ווען איינער האלט זיך קליין, פארשטייט ער אז ער טוט ניט גוט און פרובירט ווערן בעסער.

(לקו"ש ח"א ע' 129)

---

[Back to "Leben Mit Der Tzeit"]

ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## יו"ד שבט

---

יו"ד שבט איז די הילולא-יארצייט פון דעם פריערדיקען רבי'ן. דארף מען זיך ארייינטראכטן אין "מעשיו ותורתו ועבודתו" און ארויסנעמען אן אפלערנונג אין טאג-טעגליכן לעבן.

דער פריערדיקער רבי שרייבט אין דעם מאמר "באתי לגני" (וועלכע ער האט געשריבן צום טאג פון זיין באבע'ס יארצייט אין יו"ד שבט) וועגן די וויכטיקייט פון קיום תורה ומצוות בזריזות. ווייל "מי הוא היודע עתו וזמנו" (ווער קען דאס וויסן זיין צייט), ווי ער זאגט אין מדרש, "אין אדם שליט לומר המתינו לי עד שאעשה חשבונותי ועד שאצוה לביתי" (א מענטש קען ניט זאגן צו דעם מלאך המות:ווארט-צו ביז איך וועל מאכן מיינע חשבונות און אנזאגן מיין משפחה).

חז"ל זאגן "אין מחמיצין את המצוות". מען דארף טאן א מצוה גלייך, און ניט לאזן איר ווערן "חמץ'דיק" (חמץ ווערט ווען עס גייט דורך צייט). קען מען מיינען פון דעם אז דער ענין פון זריזות אין עבודת השם איז נאר א טייל פון טאן א מצוה. ניט נאר זאל מען מקיים זיין א מצוה, נאר מען זאל איר מקיים זיין וואס פריער (אזוי ווי א הידור מצוה).

ברייינגט ארויס דער רבי אין מאמר אז זריזות איז נאך וויכטיגער פון דעם. עס איז נוגע צו די גאנצע מצוה. אויב מען לייגט אפ אויף שפעטער, קען זיין אז מען וועט אינגאנצן ניט קענען מקיים זיין די מצוה.

ברמז, שטייט עס אין דעם אויבנדערמאנטען מאמר חז"ל "אין מחמיצין את המצוות.. אם באת מצוה לידך עשה אותה מיד". בשעת מען לייגט אפ די מצוה, איז אנשטאט "ושמרתם את המצוות", ווערט עס "חמץ", דער היפך פון מצה.

יעדער זאך דארף געטאן ווערן אין איר ריכטיגע צייט. אויב מען לייגט אפ אויף שפעטער, קען זיין אז ער וועט מער ניט קענען מקיים זיין די מצוה.

מען דארף זיך איינגעוואוינען טאן יעדער גוטע זאך *גלייך* און ניט אפלייגן.

(לקו"ש חט"ז ע' 139)

---

[Back to "Leben Mit Der Tzeit"]